View in browser

קניידל
טעגליכע פאַרציע נייעס.

דאנערשטאג שלח - כ"ג סיון תשפ"ה
קניידל #429

קניידל אבזערוואציעס

לעצטע אנטוויקלונגען פון מדנ"י / איראן קריג

מיטל מזרח - די איי-די-עף האט נעכטן געמאלדן אז זי האט אטאקירט איבער 40 איראנער מיליטערישע צילן אין טעהראן און ארום מערב איראן. איראנער קוועלער האבן באריכטעט איבער אומצאליגע אויפרייסן וואס זענען געהערט געווארן אין דער איראנער הויפטשטאט טעהראן, מיט געדיכטע רויך וואס האבן זיך פארשפרייט ארום די שטאט.

די איי-די-עף האט נעכטן אויך באמבאדירט און גענצליך פארניכטעט דעם הויפטקווארטיר פון די איראנער אינערליכע זיכערהייט אגענטור, דער הויפט ארעם פון די רעזשים'ס אונטערדריקונג קעגן בירגער.

איראן האט נעכטן מיטוואך און דורכאויס דאנערשטאג צופרי לאקאלע צייגער דורכגעפירט א צאל באליסטישע מיסיל אטאקעס אויף מדנ"י, צווישן דעם עטליכע וואס האבן באטראפן תל אביב און איין מיסיל וואס האט דירעקט באטראפן די סורוקה שפיטאל אין באר שבע, פון וואס עטליכע זענען קריטיש פארוואונדעט געווארן און די געביידע איז שווער געשעדיגט געווארן.

אין אן אומגעוועגליכער מעסעדזש אויף די פערסישער-שפראך, האט די איי-די-עף געבעטן איראנער וואס זארגן זיך מיט די צושטאנד אין לאנד אז זיי זאלן באטראכטן זיך צו פארבינדן מיט די מוסד.

מאריאם ראדזשאווי, דער הויפט פון די 'נאציאנאלע קאונסיל פון קעגנערשאפט פון איראן,' אן אפאזיציע גרופע אין איראן וואס איז פארבאטן געווארן דורך רעגירונג, איז ארויסגעקומען אין די עפנטליכקייט בעטן בירגער צו אנהייבן אן אויפשטאנד און אראפווארפן די איסלאמישער רעזשים.

אזוי אויך האבן כנסת מיטגלידער פאראויסגערוקט א געזעץ צו פארלענגערן די אויטאריטעט פון די איי-די-עף און ש"ב צו אריינהעקן אין ציווילע זיכערהייט קאמערא סיסטעמען מיט נאך זעקס חדשים.

די צייטווייליגע מאסנאמע - וואס איז באשטעטיגט געווארן נאך די אקטאבער זיבן אטאקע - ערלויבט די מיליטער צו אריינהעקן אין ציווילע קאמערא סיסטעמען בלויז אויב עס געפונט זיך נעבן סענסיטיווע ערטער אדער אויב עס איז פארבונדן מיט דער אנגייענדע קריג.

אומגעקומענע פון איראנער אטאקעס זענען פיל נידריגער ווי פאראויסגעשאצט, לויט מיליטערישע באאמטע

מדנ"י - פרישע דאטא פובליצירט דורך די איי-די-עף ווייזט אז איראן האט שוין געשאסן איבער 400 באליסטישע מיסילס און ארום 1,000 דראונס אויף מדנ"י זינט די אנהייב פון די קריג.

פון די הונדערטע באליסטישע מיסילס, האבן בלויז 20 באטראפן געביידעס אין שטארק באוואוינטע שטעט, פון וואס 24 מענטשן זענען געהרגעט געווארן, הי"ד, און ארום 500 אנדערע זענען פארוואונדעט געווארן. די ציפער פון אומגעקומענע איז ווייניגער ווי דאס וואס די איי-די-עף האט פאראויסגעשעצט ווען זי האט פלאנירט די אפעראציע קעגן איראן, לויט מיליטערישע באאמטע.

פון די 1,000 דראונס, האבן ווייניגער ווי 200 דערגרייכט די מדנ"י לופט רוימען, און זענען געווארן אראפגעשאסן דורך פארטיידיגונג סיסטעמען און דער מיליטערישער לופטפלאט.

אומקלארקייט איבער טראמפ'ס קומענדיגע שריט קעגן איראן

וואשינגטאן - שפעקולאציעס וואקסן אז אמעריקא וועט זיך אקטיוו אנשליסן אין די קריג קעגן איראן, מיט די אמעריקאנער מיליטער וואס מאכט צוגרייטונגען פאר די מעגליכקייט.

פרעזידענט טראמפ באהאלט נישט זיין שטיצע פאר די קריג קעגן איראן. צווישן אנדערע האט ער געזאגט פאר רעפארטער אז ער האט געבעטן דער מדנ"י פרעמיער מיניסטער נתניהו צו פארזעצן אטאקירן איראן.

אין די זעלבע צייט ווייסט קיינער וואס די קומענדיגע שריט פון טראמפ וועט זיין, מיט טראמפ וואס האט געמאלדן אז די איראנער האבן פארגעשלאגן צו קומען צום ווייסן הויז פאר געשפרעכן.

טראמפ האט זיך אפגעהאלטן פון קאמענטירן איבער זיינע פלענער. "קיינער ווייסט נישט וואס איך וועל טון," האט ער געזאגט צו רעפארטערס.

אין באזונדערע נייעס, צייגט א יו-גאוו אנקעטע אז 60% אמעריקאנער זענען קעגן די געדאנק אז אמעריקא זאל זיך אריינמישן אין די קריג. די אנקעטע האט אויך געפונען אז 50% אמעריקאנער באטראכטן איראן אלס א פיינטליכע לאנד, 25% באטראכטן איראן אלס נישט פריינטליך, און 50% באטראכטן איראן אלס פריינטליך.

קניידל ביסן

וואשינגטאן - פרעזידענט טראמפ האט זיך נעכטן געטראפן אין די ווייסן הויז פאר א זיצונג מיטן פאקיסטאנער ארמיי טשיף אסים מוניר. די זעלטענע באגעגעניש צווישן א פאקיסטאנער מיליטעריש טשיף און דער אמעריקאנער פרעזידענט קען אויפברויזן אינדיע שטייענדיג קורצליך נאך א גרענעץ צווישן די צוויי נוקלעארע-באוואפנטע קאנקורענטן אין דרום אזיע.

קאנאדע - דער קאנאדישער פרעמיער מיניסטער מארק קארני וועט רייזן צו אייראפע זיך צו באטייליגן ביים 'קאנאדע-אייראפעאישער פאראיין אפמאך ארגאניזאציע' סאמיט אין האלאנד. קארני וועט זיך צווישן אנדערע טרעפן מיטן אייראפעאישער פאראיין פרעזידענט צו דיסקוסירן נענטערע באציאונגען.

DEPARTMENT OF STATE
UNITED STATES OF AMERICA

וואשינגטאן - די אמעריקאנער סטעיט דעפארטמענט האט געמאלדן אז זי וועט ווידער אנהייבן געבן וויזעס פאר אויסלענדישער סטודענטן, אבער אלע אפליקאנטן וועלן דארפן זייערע סאציאלע מידיע קאנטעס וואס די רעגירונג וועט איבערקוקן צו זעהן אויב זיי האבן ארויסגעשטעלט פיינטליכע מעסעדזשעס.

رژیم باید منتظر مجازاتی سخت باشد

אייראפע - אן אייראפעאישער פאראיין באאמטער האט געזאגט אז הויכראנגיקע באאמטע פון דייטשלאנד, פראנקרייך און ענגלאנד, ווי אויך דער הויפט דיפלאמאט פון די אייראפעאישער פאראיין, וועלן זיך פארזאמלען דעם פרייטאג פאר א זיצונג אין שווייץ ווי עס וועט ווערן דיסקוסירט מיט איראנער באאמטע איבער א נוקלעארע אפמאך.

וואשינגטאן - די סענאט האט דורכגעפירט א געזעץ צו רעגולירן א סארט קריפטא-וואלוטא באקאנט אלס 'סטעיבלקוין'. ביז אצינד איז סטעיבלקוין געווען אן קלארע רעגולאציעס, וואס האט געפירט צו אומזיכערקייט ביי אינוועסטירער. די געזעץ איז אריבער 68 קעגן 30, מיט רוב דעמאקראטן וואס האבן זיך קעגנגעשטעלט, און באשולדיגן אז דאס וועט בענעפיטירן פרעזידענט טראמפ'ס פערזענליכע קריפטא אינטערעסן.

אמעריקע - די עף-בי-איי האט געמאלדן די ארעסט פון א דראג אינפארסירונג אפיציר וואס האט גענומען מיליאנען דאלארן פון דראג האנדלער - וועלכע זענען געקומען אין פארעם פון קעש, צירונג און טייערע קארן - און האט אין אויסטויש צוגעזאגט לייכטערע שטראפן, עפעס וואס ער האט נישט געקענט באווייזן, און ער איז פארשוואונדן געווארן נאכן נעמען די געלט פון הענדלער.

דברי התעוררות נוקבים לנוכח המצב

מה חובתו של כל איש ישראל בעת הזאת

מהרה"ק מצאנז קלויזענבורג זי"ע

מתוך שיעור חורש"י פרשת בהעלותך תשמ"ב

בעת המלחמה בגבול הלבנון בא"י

צו זעהן קליקט דא

ווי קען זיך א איד
גיין לייגן אין בעט אריין שלאפן?
עם ישראל נתונים בצרה ובשביה
בין בים ובין ביבשה!
המקום ירחם עליהם!
וכי איך יכול יהודי
לילך ולשכב במטה לישון,
[כאשר] ישראל נתונים בצרה ובשביה
בין בים ובין ביבשה המקום ירחם עליהם

צו דאונלאודן די דברות קודש בכתב **דריקט דא**
צו הערן דורכ'ן טעלעפאון
רופא: 718.689.1363
ארה"ק: 0723982560
נ.ב להשיג שאר הקלטות, ווידיאו'ס מד"ת של רבינו הרה"ק מצאנז קלויזענבורג זי"ע
שנערכו וי"ל על ידינו נא לשלוח אימייל לכתובת: באוצר החיים:
oitzerchaim@gmail.com

פינאנציעלע קניידל

פעדעראלער רעזערוו האלט די אינטערעסט ראטע אומגעטוישט צוליב ערווארטעטע אינפלאציע

די פעדעראלער רעזערוו האט ווי ערווארטעט, נישט געטשיינדזשט די אינטערעסט ראטעס, און עס געהאלטן ביי די יעצטיגע שטאפל פון 4.5%-4.25%, ווי עס שטייט שוין זינט דעצעמבער.

די באנק האט אנגעצייכנט אז זי פלאנט נאך צו שניידן די ראטעס צוויי מאל היי יאר מיט א פערטל פונקט, און נאך צוויי שניטן אין די צוקונפט, און עס וועט נאכדעם אראפברענגען מיט א גאנצער פונקט.

טראמפ האט, ווי פארשטייט זיך, זיך אויפגערעגט אויף פאוועל און אים אנגערופן "נאריש" און אויסגעדריקט חרטה פארן אים שטעלן אויפן אמט אין זיין ערשטע טערמין. "בין איך ערלויבט מיך אליין צו שטעלן אויפן אמט?" האט ער זיך געוויצלט מיט די פרעסע.

שערים אין די קריפטא עקסטשיינדזש פלאטפארמע 'קוינבעיס' זענען געשפרינגען נעכטן מיט 16%, די מערסטע פון אלע עס-עונד-פי-500 פירמעס פאר'ן טאג, נאך וואס די סענאט האט באשטעטיגט א נייע קריפטא געזעץ וואס וועט עפענען די טיר פאר בענק און געשעפטן זיך צו אנהויבן באנוצן מיט 'סטעיבלקוין' קריפטא וואלוטעס.



די צאל אפליקאציעס אריינגעגעבן פאריגע וואך צו באקומען א מארטגעדזש איז געפאלן מיט 3% פון וואך פריער, טראץ וואס די מארטגעדזש ראטעס זענען דורכשניט געפאלן צו 6.84%, לויט א מארטגעדזש באנקירס אסאסיאציע באריכט. די ציפער איז אבער נאכאלץ 14% העכער ווי די זעלבע וואך פאריאר.

Affiliated with a team of professional accountants
CASH BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CRE
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans - Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קניידל

עף-די-עי וועט פארשנעלערן באשטעטיגונג פראצעדור פאר "אינטערעסע מעדיצינען"

FDA
U.S. Department of Health and Human Services
Food and Drug Administration

אמעריקאנער געזונטהייט רעגולאטארן וועלן פארשנעלערן די פראצעדור צו באשטעטיגן נייע מעדיצינען וואס אדמיניסטראציע באאמטע באטראכטן אלס "אינטערעסע פאר די געזונטהייט פון אמעריקאנער," אונטער א נייע איניציאטיוו וואס איז געמאלדן געווארן דעם דינסטאג.

דער עף-די-עי קאמישאנער מארטי מעקערי האט געמאלדן די איניציאטיוו, אונטער וואס די אגענטור וועט איבערקוקן אויסגעקליבענע מעדיצינען אין א צייט אפשניט פון איין ביז צוויי חדשים, אסאך שנעלער ווי געווענליכע אומשטענדן ווען די פראצעדור דויערט צווישן זעקס ביז צען חדשים.

בראזיל דערקלערט זיך פריי פון פייגל ווירוס און צילט צו ווידער אנהייבן הינער עקספארטן

בראזיל, דער וועלטס גרעסטע הינער עקספארטירער, האט זיך דערקלערט פריי פון די פייגל פלו ווירוס, נאך וואס די לאנד האט געזעהן 28 טעג אן קיין פרישע אויסברוך, לויט א מעלדונג דורך די לאנדס אגריקולטור מיניסטעריום.

בראזיל וועט אין די קומענדיגע טעג אפהאלטן געשפרעכן מיט לענדער צו ווידער אנהייבן הינער אימפארטן פון בראזיל, נאך וואס כינא און אנדערע לענדער האבן דאס פארבאטן ווען די פייגל ווירוס האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן ארום בראזיל.

כ'וויל אים שוין זאגן צוויי יאר
אבער א מחותן קען זיין זייער הייקל.
לאמיר עס אויסארבעטן
מסכים
845.751.9521

לאקאלע קניידל

עקס קלאגט ניו יארק איבער פארלאנג צו ווייזן וויאזוי פירמעס האנדלען מיט פראבלעמאטישע פאוסטס

ניו יארק - אילאן מאסק'ס סאציאלע מידיע פירמע 'עקס' האט אריינגעגעבן א קלאגע אין א געריכט קעגן א ניו יארק געזעץ וואס פארלאנגט א באריכט פון סאציאלע מידיע פלאטפארמעס איבער וויאזוי זיי האנדלען מיט פראבלעמאטישע פאוסטס.

דער דעמאקראטישער ניו יארקער גאווערנאר האוקל האט אונטערגעשריבן די רעגולאציע פאריגע יאר, און איז ערווארטעט צו אריין אין קראפט שפעטער דעם יאר. עקס באשולדיגט אז די מאסנאמע פארלעצט 'פרייהייט פון רעדע' רעכטן, און איז געצילט צו צענזורירן פאליטישע אפאזיציע פיגורן.

געוועזענע ניו דזשערזי סענאטאר מענענדעז אנגעהויבן 11-יאר טורמע טערמין

ניו דזשערזי - דער געוועזענע ניו דזשערזי סענאטאר באב מענענדעז איז די וואך געשטעלט געווארן אין טורמע וואו ער האט אנגעהויבן זיין 11-יעריגער טורמע טערמין נאך וואס ער איז פאראורטיילט געווארן אויף שוחד און קארופציע באשולדיגונגען.

לעצטע וואך האט דער אמעריקאנער אפעלאציע געריכט אפגעווארפן זיין לעצטע פרואוו צו בלייבן פריי אויף בעיל, ביז זיין אפיעל פראצעדור וועט זיך ענדיגן.

מענענדעז איז געווארן דער ערשטער אמעריקאנער סענאטאר צו ווערן פאראורטיילט אלס אן אויסלענדישער אגענט, נאך וואס ער האט באקומען הונדערטער טויזנטער דאלארן פון עגיפטן אין א צייט וואס ער האט געדינט אלס פארזיצער פון דער סענאט אויסלענדישע באציאונגען קאמיטע.

אידישע קניידל

ניו יארק סיטי פאליצי זוכט אנטיסעמיטישער מאן וואס האט צושלאגן אידישע פרוי אין ברוקלין סובוועי סטאנציע



די ניו יארק סיטי פאליצי דעפארטמענט האט ארויסגעשטעלט א רוף פאר די פובליק פאר אינפארמאציע איבער א מאן צווישן 55 און 65 יאר אלט וואס האט אטאקירט אן ארטאדאקסישער אידישע פרוי ביים קינגס הייוועי און איסט 16טע סטריט סובוועי סטאנציע אין ברוקלין.

דער פארדעכטיגטער מאן האט געשריגן אנטיסעמיטישע לאזונגען איידער ער האט געשלאגן די פרוי מיט א שטעקן. פאליצי פארשט די אינצידענט אלס א האסע פארברעכן.

אידן אין איראן לעבן אין פאניק צוליב די מדנ"י קריג: "מענטשן זענען פארשוואונדן געווארן"

באריכטן דורך עטליכע מדנ"י נייעס קוועלער פארציילן אז די אידישע געמיינדע אין איראן לעבט אונטער גרויס פאניק צוליב די מיליטערישע אקציעס פון מדנ"י קעגן איראן, מיט די אידן וואס "זענען פארשוואונדן געווארן פון די גאסן, זיי ארבעטן נישט, טון זיך נישט פארזאמלען אדער אפהאלטן תפילות אין שוהלן," אויס זארג פון בייזע איראנער אראבער וואס וועלן זיי אטאקירן.

צווישן אנדערע האט ערוץ שבע ציטירט פון א איד אין איראן, וואס האט געזאגט אז פון אן אקטיווע געמיינדע איז מיטאמאל געווארן א שטילע קהילה וואס לעבט אונטער פאניק.

נאך די אנהייב פון די קריג, האבן אידישע פירער אין איראן ארויסגעשטעלט סטעיטמענטס וואס האבן שטארק פארדאמט מדנ"י, אין א פרואוו צו באשיצן די אידישע איינוואוינער פון די רעזשים.

נו, וויאזוי זאגט מען 'קאסטומער סערוויס' אין אידיש?
מלבוש.
MALBISH

חרדישע קניידל

דברי חיזוק פון מרן פוסק הדור מרא דארעא קדישא

דברי חיזוק לאור המצב, זענען געהערט געווארן די וואך דורכן פוסק הדור מרן הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א בעל תשובות והנהגות, ביים סוף פונעם וועכנטליכן 'שיעור כללי' בהיכל ישיבתו. דער פוסק הדור האט צווישן אנדערע מעורר געווען די תלמידים, איבער די חיוב פון תשובה ותיקון המעשים שטייענדיג אין א צייט ווען מדינת ישראל איז אין סאמע ברען פון קריג מיט איראן.

אין די זעלבע צייט, האט דער גאון בארוהיגט די תלמידים זאגנדיג אז מ'דארף נישט אריינפאלן אין א פאניק, ווייל יעדע באמבע האט זיין אדרעס און א איד דארף לעבן מיט אמונה און בטחון.

הגאון רבי יצחק יוסף אין שיכון סקווירא

דער ראשון לציון הגאון רבי יצחק יוסף שליט"א נשיא מועצת חכמי התורה - וועלכע ווייל אין ניו יארק נאכן זיך נישט קענען צוריקקערן קיין אר"י צוליב די מלחמה - האט נעכטן אפגעשטאט א מלכות'דיגע באזוך אין שיכון סקווירא און איז אויך אריין אל הקודש פנימה צו כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, ווי עס איז פארצויגן געווארן א שיינעם שמועס.

אזוי אויך האט דער גאון אויפגעטראטן מיט א טיפזיניגע 'שיעור כללי' אין בנין 'מרכז הכוללים ד'שיכון סקווירא', ווי די הונדערטע כולל יונגעלייט האבן מיטגעהאלטן דעם שיעור אין הלכות שבת וואס מ'לערנט אצינד אין כולל.

היינט געפאלט די **ערשטע יארצייט** פון הרה"ק **בעל עבדא דמלכא מקאסוב** זצ"ל - די צענטראלע סעודת הילולא קומט פאר היינט נאכט אין ביהמ"ד הגדול קאסוב אין בארא פארק, אין שפיץ פון בניו האדמורי"ם והרבנים שליט"א.

שמחת **החתונה** פון החתן בן כ"ק אדמו"ר **מזוטשקא אמסנא**, מיט הכלה בת כ"ק אדמו"ר **מטריסק טאלנא** שליט"א - אין די זאלן פון עטרת טשארנא אין מאנסי.

כ"ק אדמו"ר **מהרי"ד מלעלוב** שליט"א קערט זיך היינט **צוריק קיין ארה"ק**, נאך א קורצע באזוך אין ניו יארק לטובת מוסדותיו.

שידוכים קניידל

החתן **גרשון** נ"י בן מו"ה **יואל אבעלעס** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **אליעזר ווערצבערגער** הי"ו (וומס"ב)
שדכן **אשת** מו"ה **נפתלי לאנדא** הי"ו (וומס"ב)

החתן **לייבוש** נ"י בן מו"ה **שמואל מרדכי גרין** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **איתמר גאנדל** הי"ו (ב"פ)
שדכן **אשת** מו"ה **דוד לייב וואגשאהל** הי"ו (ב"פ)

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe